# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:34
מוצאי שב"ק....................6:02

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................מיכה ו'-ז'
בבלי.........................חולין מ"ו
ירושלמי.................כלאים כ"ב
תוספתא..........מקואות פרק ב'
רמב"ם...........איסורי מזבח ו'

פרשת בא, ו' שבט, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 18 (378)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ, וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ.** מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶער פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עְרְהֵייט, צוּ טוּן אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַלֶעם אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען, אוּן נִישְׁט וִוי דִי חוֹקְרִים זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת.

אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאַיָ' דֶערְצוּ, וַוייל אוֹיבּ אִיז עֶס אֱמֶת אַז מֶען דַארְף נָאר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעם, וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיד קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי קְלוּג אַלֶעם צוּ פַארְשְׁטֵיין, זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּן דִי מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (סוֹף קֹהֶלֶת) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר**, דֶער עִיקָר אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ טוּן זַיינֶע מִצְוֹת, **כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּן, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם טַעַם דֶערְפוּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אַלֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט, דַארְף מֶען כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט גְלַייךְ אַלֶעם פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ**, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין הַאנְט, דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיינֶע הֶענְט, אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס דֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵייט פַארְוָואס, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין, **וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ**, אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין מִיט דַיין קָאפּ אוֹיךְ דִי טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת. אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן, דֶעמָאלְט, **לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ**, וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אִין דַיין מוֹיל, וַוייל דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז דוּ קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר מִיט דַיין מוֹיל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תשס"ה לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַייְנְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַייְנְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַייְנְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט וִוי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט נֶעמֶען דֶעם כְּלַל אִין לֶעבְּן: "אַז מֶען וִויל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קְרִיטִיק, זָאל מֶען גָארְנִישְׁט טוּן", וַוייל וֶוער עֶס טוּט אוּן הֶעלְפְט אַ צְוֵייטְן וֶועט מֶען נָאר הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אִים.

אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ הֶעלְפְן אִידְן, דַארְפְסְטוּ וִויסְן פוּן פָארְאוֹיס אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד. פַארְקֶערְט, מֶען וֶועט הָאבְּן אוֹיף דִיר טַעֲנוֹת אוּן מֶען וֶועט דִיר מְבַזֶּה זַיין, אַנְשְׁטָאט גֶעבְּן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ וֶועט מֶען דִיר קְרִיטִיקִירְן. מִמֵּילָא דַארְפְסְטוּ אָפְּמַאכְן וָואס דוּ וִוילְסְט, אוֹיבּ וִוילְסְטוּ כָּבוֹד זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט, וַוייל כָּבוֹד הָאט מֶען נִישְׁט פוּן הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אוֹיבּ וִוילְסְטוּ דִי מִצְוָה אַלֵיינְס, דוּ וִוילְסְט הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער - דֶעמָאלְט חַזַק וֶאֱמָץ בְּכָל כֹּחֲךָ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בֹּא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז זֵייעֶר נֶערְוֶועז




***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ לֶערְן אִין אַ כּוֹלֵל, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַלֶעמָאל אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר מַמָּשׁ פוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת. הָאט אִיר אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֵיין אִין כּוֹלֵל אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט; אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כְּתוּבָּה: "וַאֲנָא אֶפְלַח וְאוֹקִיר וְאֵיזוֹן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי כְּהִלְכוֹת גּוּבְרִין יְהוּדָאִין, דְּפָלְחִין וּמוֹקְרִין וְזָנִין וּמְפַרְנְסִין לִנְשֵׁיהוֹן בְּקוּשְׁטָא", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפֵּייזְן אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף שְׁפֵּייזְן זַיין וַוייבּ מִיט אַן אֱמֶת; דָאס אִיז דֶער דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, אַז דֶער מַאן זָאל בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן דִי וַוייבּ זָאל אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ, קָאכְן פַאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

'כּוֹלֵל' אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, כּוֹלֵל אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר יוּנְגֶעלַייט וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה, זֵיי לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְבַטֵל קַיין אֵיין רֶגַע. דֶעמָאלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז דִי וַוייבּ אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אַז אִיר מַאן זָאל זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אָבֶער דָאס וָואס אִינְגֶעלַייט זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן גֵייעֶן לֵיידִיג וְכוּ' בְּשָׁעַת דִי וַוייבּ זֵייעֶרֶע דַארְף זִיךְ אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן אַרְבֶּעטְן עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר דִי גֶעלְט פַאר זִיךְ מַעֲשֶׂה פְּרִיץ אוּן טֵיילְט אִיר אַיין וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט וְכוּ' – דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט אַכְזָרִיּוּת.

יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַזוֹי בְּרוֹגֶז; עֶר דַארְף זוּכְן צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וֶוען רוּבּוֹ דְרוּבּוֹ דְרֵייעֶן זִיךְ לֵיידִיג אוּן בַּטְלְ'ן דִי צַייט. הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֵיין לֵיידִיג! אִיז אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פַארְוָואס עֶר אִיז בְּרוֹגֶז; עֶר זוּכְט פוּן וואוּ עֶר קֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי אִינְגֶעלַייט, אוּן וֶוען עֶר בֶּעט זִיךְ אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לַאכְט מֶען אִים אִין פָּנִים וְכוּ'.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן; דוּ הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זֶעץ דִיךְ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען. אָבֶער אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען לָאז אָפּ כּוֹלֵל; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן מְבַטֵל זַיין צַייט אוּן גוֹרֵם זַיין צַעַר פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל? עֶנְדֶערְשׁ גֵיי זוּךְ אַ מְלָאכָה קַלָּה וּנְקִיָּה, אַ זוֹיבֶּערֶע רֵיינֶע אַרְבֶּעט, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר דִיר אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְּמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וָאֵרָא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען וִוי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַייְנְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוָואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַנְטְוויקְלֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶתְ'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

אַפִּילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים...

<<<<<<




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

>>>>>>

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קֵיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר ווִיל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְּבֵיקוּת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (יח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זַיינֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה.**

## צט

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מִיט אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערֶע סִיגוּפִים, צוּם בַּיישְׁפִּיל מִיט גִלְגוּל שֶׁלֶג אוּן דָאס גְלַייכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער סִגּוּף אִיז זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרַאצְן דֶעם גוּף, אַזוֹי ווִי דִי נַאטוּר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי עֶס קְרַאצְט אִים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ קְרַאצְן, וֶוען מְ'הַאלְט זִיךְ דֶעמָאלְט אַיין, מְ'רִירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן פְּלַאץ, אוּן מְ'קְרַאצְט זִיךְ נִישְׁט, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער סִגּוּף.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען לִיגְט רוּאִיג, אוּן מְ'שְׁפִּירְט יֶעדְן קְרַאץ אִין מֹחַ, אוּן מְ'הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן זִיךְ קְרַאצְן, אִיז דָאס גָאר אַ שְׁטַארְקֶער סִגּוּף.

## ק

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט אַלֶע סָארְטְן סִיגוּפִים, אוּן אַלֶעס בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעלִיטְן גָאר אַסַאךְ יִסּוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל דִי יִסּוּרִים וָואס רוֹב צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעלִיטְן דֶערוֹיף, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט יִסּוּרִים אַלֶעמָאל, פוּן אִינֶעוַוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. סְ'הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעפוּנֶען נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל לַיידְן אַזוֹיפִיל יִסּוּרִים ווִיפִיל עֶר הָאט גֶעלִיטְן.

אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע אוּן שְׁטַארְקֶע יִסּוּרִים, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דִי יִסּוּרִים לִיגְן בַּיי אִים אִין הַאנְט, וֶוען עֶר ווִיל הָאבְּן דִי יִסּוּרִים אִיז עֶר זִיךְ דָאס מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ, אוּן דֶעמָאלְט קוּמֶען דִי יִסּוּרִים, אוּן וֶוען עֶר ווִיל עֶס נִישְׁט הָאבְּן, דֶעמָאלְט גֵייעֶן זֵיי אַוֶועק פוּן אִים.

מְ'הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעלִיטְן דִי שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים, הָאט עֶר מַמָּשׁ גֶעקֶענְט צֶעבַּייסְן אַן הָאלְץ מִיט זַיינֶע צֵיינֶער. אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפֶערְלִיכֶע יִסּוּרִים בַּייסְט עֶר מִיט דִי צֵיין, הָאט עֶר גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים, אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעקֶענְט בַּייסְן אַ הָאלְץ פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע ווֵייטָאגְן.

## קא

פוּן אַזוֹיפִיל זִיךְ פְּלָאגְן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ אוֹיף אַלֶע מִדּוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן, אוּן גֶענְצְלִיךְ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז "עֶר הָאט אַ רֵיין פֶּעלִיכְל". סְ'זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲווֹת, אָבֶּער אַזוֹי ווִי וֶוען מְ'אַרְבֶּעט אוֹיס אַן הוֹיט צוּ וֶוערְן אַ פֶּעלִיכְל, אֲפִילוּ דִי הוֹיט אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, בְּלַייבְּט אָבֶּער נָאךְ אִיבֶּער דֶערוֹיף אַ שְׁטִיקְל גֶערוּךְ; דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן טַאקֶע צֶעבְּרָאכְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, אִיז אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן עֶפֶּעס אַ זֵכֶר דֶערְפוּן בַּיי זֵיי. אָבֶּער בַּיי אִים אִיז דֶער הוֹיט גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן רֵיין, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיין זֵכֶר פוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ'דַארְף זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דֶעם גוּף אוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי תַּאֲווֹת, אַזוֹי ווִי מְ'אַרְבֶּעט אוֹיס אַן הוֹיט אוּן מְ'דְרֵייט עֶס אִיבֶּער. דֶער גוּף דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז מְ'זָאל עֶס קֶענֶען מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן זֶען אַז סְ'אִיז אִינְגַאנְצְן רֵיין פוּן סֵיי וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

## קב

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, וַוייל פוּן נַאטוּר אוֹיס אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כַּעְסָן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. אַזוֹי ווִי אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, אַז גָארְנִישְׁט זָאל אִים קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן.

כָּאטְשׁ וָואס עֶר הָאט טַאקֶע גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיז עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶעם נָאר עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְרֶעגְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִים טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, עֶר וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף יֶענֶעם בִּכְלָל.

סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען בַּאקַאנְט פַאר דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז אֵיין שְׁטִיק גוּטְסְקֵייט, עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם קְפֵּידָה אוֹיף קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק גוּטְס.

## קג

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶע'מָשָׁל'ט אִין קָאפּ ווִי עֶר שְׁטַארְבְּט. עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט ווִי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מְ'בַּאעֶרְדִיגְט אִים, מְ'זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ אִים, אוּן מְ'וֵויינְט שׁוֹין נָאךְ אִים. אוּן עֶר הָאט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין קָאפּ, בִּיז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

<<<<<<

>>>>>>

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אַן אַרְבֶּעט זִיךְ צוּ קֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק פַּארְשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אוֹיסְ׳מָשָׁלְ׳ן ווִי מְ׳אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, בִּיז מְ׳זָאל דָאס מַמָּשׁ שְׁפִּירְן.

### קד

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיין יוּגְנְט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד פוּן דֶעם, אוּן דַוְקָא דֶעמָאלְט הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועז אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ ה׳. פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט – דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט פוּנְקְטְלִיךְ ווִי לַאנְג, אֶפְשָׁר אַ יָאר – אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מַחְשָׁבָה אוּן מִיט דִי תְּפִלּוֹת אַז עֶר ווִיל אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ ה׳. סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס אָדֶער תְּפִלָּה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

אוּן ווַייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאס אַלֵיין גֶעוֶוען בַּיי אִים מַמָּשׁ אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזַא סָארְט תְּפִלָּה אַז עֶר ווִיל שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ ה׳.

### קה

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעטוּן אִין שְׁטַארְקֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע סָארְט אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת וָואס עֶר קֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ.

אֵיינְמָאל פַּאר פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט וֶועגְן חוּמְרוֹת אוֹיף דִי ווַאסֶער וָואס מְ׳נוּצְט פֶּסַח, ווַייל אֶפְשָׁר קֶען אַרַיינְפַאלְן עֶפֶּעס אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אִין דִי ווַאסֶער. אוּן סְ׳אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן דִי עֵצָה וָואס אַסַאךְ טוּעֶן אַז מְ׳שֶׁעפְּט אָן אַסַאךְ ווַאסֶער פַאר פֶּסַח אוּן מְ׳גְרֵייט אָן גֶענוּג ווַאסֶער אוֹיף גַאנְץ יוֹם טוֹב, ווַייל סְ׳אִיז שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג הִיטְן דָאס ווַאסֶער פוּן עֶרֶב פֶּסַח אוֹיף אַ גַאנְץ פֶּסַח.

סְ׳אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דִי בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען צוּ נֶעמֶען ווַאסֶער נָאר פוּן אַ קְוַואל וָואס הַאלְט אִין אֵיין קְוֶועלְן, אַז עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אַרוֹיס פְּרִישֶׁע ווַאסֶער. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא סָארְט קְוַואל, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַוֶועקְצוּפָארְן אוֹיף פֶּסַח צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, וואוּ עֶס אִיז יָא דָא אַזַא קְוַואל.

אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעטוּן אִין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן פִילֶע דִקְדוּקִים.

### קו

אוֹיךְ אוֹיף נְקִיּוּת הָאט עֶר גָאר שְׁטַארְק מַחֲמִיר גֶעוֶוען מִיט פִילֶע אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן גֶעטוּן גָאר ווִילְדֶע זַאכְן צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן רֵיין, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן מְסוּכָּן פוּן דֶעם. אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

### קז

אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, אֲפִילוּ אוּם פֶּסַח. עֶר הָאט זֵייעֶר חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, וּבִפְרַט דִי חוּמְרוֹת וָואס מְ׳טוּט פַאר נְקִיּוּת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ מְשׁוּגַעַת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. מְ׳דַארְף נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה׳ אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט׳עֶרְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם בַּאזוּנְדֶערֶע חָכְמוֹת, אָן צוּ זוּכְן צוּצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, מְ׳דַארְף נָאר טוּן אַלֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (זֶע מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מ״ד, אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל׳ אוּן סִימָן רל״ה).

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״ – פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## יומא דהילולא קדישא

## אנשי שלומינו גרייטן זיך בחרדת קודש צו די יומא דהילולא קדישא

דערנענטערנדיג זיך צו די יומא דהילולא קדישא פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע, דערקענט זיך גאר שטארק די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג.

מוהרא״ש פלעגט זאגן אז ביי די יומא דהילולא פון א צדיק, דעמאלט קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט, די לימודים און עצות וואס ער האט אויסגעלערנט וואס זענען ווייטער חי וקים און זענען ווייטער מחזק און מעורר אידישע קינדער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

מיר וויסן דאך זייער גוט וואס מוהרא״ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר׳ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו פארן ארויס קיין ארץ ישראל, זיך צו משתטח צו זיין אויפ׳ן ציון הקדוש אין יבניאל אינ׳ם טאג פון די יארצייט, אנדערע אידן וועלן זיך צוזאמנעמען בכל מקומות מושבותיהם און איבער׳חזר׳ן דאס וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און די פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא״ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ׳ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי׳ן איבער די גאנצע וועלט. מ׳וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס וואו מ׳דרוקט די ספרים און קונטרסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מוה״ר יואל טייטלבוים שליט״א**

גבאי ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל [שכונת עצי תמרים]

**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער למזל טוב עב״ג**

**החתן מו״ה הלל בן מו״ה ישראל אשר ווייס הי״ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, מיט אסאך אידיש נחת געזונטערהייט. בני חיי ומזוני רויחי. מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה נחמן נײשטיין הי״ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי״ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות מרדכי בן רות, להצלחה בכל העניינים